# דער
# פרשה קוואל

צוזאמען גענומען
פון די שמועסן פון

מורינו הגה"צ
**רבי אברהם אלימלך**
**בידרמן** שליט"א

**כי תצא**

מכון
באר האמונה

בס"ד

# דער פרשה קוואל

פאר קאמענטארן און הערות:
mail@derparshakval.com
718.484.8136

פאר גרעסערע באשטעלונגען (USA):
Wholesale@BeerEmunah.com

באקומט די גליונות וועכנטליך אין אייער אימעיל בחינם

## זיך איינצושרייבן

לשה"ק
**באר הפרשה**
subscribe+subscribe@beerhaparsha.com

אידיש
**דער פרשה קוואל**
yiddish+subscribe@derparshakval.com

אנגליש
**Torah Wellsprings**
Torah+subscribe@torahwellsprings.com

היספאניש
**Manantiales de la Torá**
info+subscribe@manantialesdelatora.com

פראנצויזיש
**Au Puits de La Paracha**
info+subscribe@aupuitsdelaparacha.com

איטאליעניש
**Le Sorgenti della Torah**
info+subscribe@lesorgentidellatorah.com

רוסיש
**Колодец Торы**
info+subscribe@kolodetztory.com

מכון באר האמונה

**ארה"ב:**
Mechon Beer Emunah
1630 50th St, Brooklyn NY 11204
718.484.8136

**בארה"ק:**
מכון באר האמונה
רח' דובב מישרים 4/2
עיה"ק ירושלים תובב"א
025 688 040

**יו"ל ע"י מכון באר אמונה**

© 2026 כל הזכויות שמורות להמכון

עס איז נישט ערלויבט איבערצודריקן אויף קיין שום צורה ואופן, אויף צו פארקויפן אדער פארשפרייטן פאר אייגינע אינטערעסן אן שריפטליכע ערלויבעניש פון די מכון

# אינהאלט

## פרשת כי תצא


וארשתיך לי באמונה - דער בוכ"ע האָט אונז געגומען צו זיך דורך אמונה ........ ד

חודש אלול - הכנה צו ראש השנה ........ ח

קראוהו בהיותו קרוב - זיך נישט אָוועקרירן פונעם ספר תהלים ........ יב


**ספה"ק בת עין**

**... וְתוֹקְעִין בְּשׁוֹפָר** און מען בלאזט מיט א שופר, **בְּחִינַת דַּעַת** וואס 'שופר' איז מרמז צו די בחינה פון 'דעת', כִּי 'שׁוֹפָר' גִּימַטְרִיָּא דַּעַת הֲוָיָ"ה אֱלֹהִים **ווייל 'שופר' איז בגמטריא 'דעת הוי"ה אלהי"ם', הִתְחַבְּרוּת חֶסֶד וּגְבוּרָה** וואס דאס מיינט 'דַּעַת' צו באהעפטן 'חסד' (שם הֲוָיָ"ה) מיט 'גבורה' (שם אֱלֹהִים).

**... גַּם יֵשׁ עוֹד בְּחִינַת דַּעַת** ס'איז אויך דא נאך א בחינה פון 'דעת', **לְחַבֵּר חֶסֶד וּגְבוּרָה** צו באהעפטן די בחינה פון 'גבורה' און 'חסד', **בְּאוֹפֶן שֶׁיַּאֲמִין שֶׁבְּכָל בְּחִינוֹת יִסּוּרִים שֶׁבָּא עָלָיו מִבְּחִינַת גְּבוּרָה יֵשׁ בְּתוֹכוֹ בְּחִינַת חֶסֶד ה'** אין א אופן צו גלייבן אז אלע יסורים וואס קומען אויף אים פון די בחינת 'גבורה' האט אין זיך א בחינה פון 'חסד השם'. **כְּמַאֲמַר הַכָּתוּב** (דברים ד, לה) **'ה' הוּא הָאֱלֹהִים'** אזוי ווי עס שטייט אין פסוק 'אז דער אייבשטער אליין איז דער ג-ט', **רָצָה לוֹמַר שֶׁגַּם בְּחִינַת אֱלֹקִים** עס מיינט צו זאגן אז אויך די בחינה פון 'אלקים', **הַיְינוּ בְּחִינַת הַדִּין** וואס די שם 'אלקים' איז די בחינה פון דין, **הוּא בְּעַצְמוֹ בְּחִינַת הֲוָיָ"ה** דאס אליין איז א די בחינה פון שם הוי"ה, **בְּחִינַת חֶסֶד** וואס שם הוי"ה איז מרמז אויף רחמים, **כַּנִּזְכָּר בְּפָרָשִׁיּוֹת הַקּוֹדְמִין** אזוי ווי עס איז דערמאנט אין די פריעדיגע פרשיות.

**וּמְסוּגָּל לָזֶה חוֹדֶשׁ אֱלוּל** און אויך צו די בחינת 'דעת' איז מסוגל חודש אלול, **שֶׁבּוֹ יְמִינוֹ פְּשׁוּטָה לְקַבֵּל שָׁבִים** וואס דעמאלסט איז זיין רעכטע האנט אויסגעשטרעקט אנצונענען די וואס טוען תשובה...

**(פרשת כי תבא ד"ה ובכתה את אביה ואת אמה)**


תשו"ח להוצאת "גליון בת עין" באידיש

סדר ועימוד: **א.י.ש.** אשדוד

# כי תצא

**וארשתיך לי באמונה - דער בוכ"ע האָט אונז געגומען צו זיך דורך אמונה**

**מיר** לייענען אין דער היינטיגער פרשה (כא, י), 'כי תצא למלחמה על אויביך, ונתנו ה' אלקיך בידך' וגו'. פרעגן די מפרשים, פאַרוואָס זאָגט דער פסוק 'כי תצא'. ער וואָלט ענדערש געדאַרפט זאָגן, 'כי תלחם'. פאַרוואָס דאַרף ער דערמאַנען דאָס ענין פון 'אַרויסגיין' אין דער מלחמה?

**ענטפערט** הגה"ק רבי חיים וויטאַל זי"ע (אין ספה"ק 'עץ הדעת טוב'), אַז דער פסוק קומט צו לאָזן וויסן פאַר'ן מענטש, איידער ער גייט אַרויס אין דער מלחמה, אַז ער זאָל גוט איינוואָרצלען ביי זיך אין הארץ אַז נישט ער קעמפט אין דער מלחמה, נאָר 'ה' איש מלחמה', דער אויבערשטער איז דער וואָס פירט מלחמות. אַלעס וואָס ער דאַרף טון איז נאָר 'אַרויסגיין' - טוהן די השתדלות, נישט מער. נאָר אויף אַזאַ אופן קען ער מצליח זיין[א].

**רבי** חיים וויטאַל שרייבט: די ווערטער פון פסוק 'כי תצא' זענען נישט אַ מעלדונג פון דעם אויבערשטן, נאָר עס איז אַן אזהרה און אַ ציווי פאַר דעם איד וואָס גייט אַרויס אין אַ מלחמה, אַז ווען ער גייט אַרויס, דאַרף ער גוט אַרייננעמען אין קאָפּ אַז לה' הישועה, 'כי הוא הנותן לך כח לעשות חיל'. אויב דער מענטש טוט אַזוי ווען ער גייט אַרויס אין דער מלחמה, ער טראַכט ביי זיך אַז ער אַליין האָט נישט קיין אייגענעם כח, אַלעס וואָס ער קען טוהן, איז נאָר אַרויסגיין אין דער מלחמה, וועט מקוים ווערן ביי אים 'ונתנו ה' אלקיך בידך', צוליב זיין בטחון אינעם באַשעפער, עכ"ד.

די ווערטער פון רבי חיים וויטאַל זענען ממש קלאָר, אַז דער מענטש וואָס האָט בטחון אינעם באַשעפער, ווערט ביי אים מקויים דער פסוק 'והבוטח בה' חסד יסובבנו'[ב]. אין זכות פון זיין בטחון איז ער זוכה צו זיגן אין דער מלחמה. דאָס זעלבע איז ביי אַלע אַנדערע

---

**א.** מ'קען זאָגן אַ מליצה אין לשון פונעם פסוק (וואָס איז שייך צו חודש אלול) 'אני לדודי ודודי לי'. דאָס הייסט, אויב דו ווערסט זיך איבערגעבן צום 'אני לדודי' - דו ווערסט וויסן אַז אַלעס וואָס דו טוסט איז נישט **'אני'**, ס'איז נישט מיט דיין אייגענעם כח, נאָר אַלעס ווערט געטון דורך **'דודי'**, ווערסטו דעמאָלס זוכה זיין אַז **'דודי לי'** - דער אויבערשטער וועט דיר העלפן...

מ'דאַרף געדענקען, אַז אויך די גאַנצע שפע וואָס ווערט נשפע פאַר'ן מענטש דורך אַנדערע מענטשן, איז דער מקור דערפון פון דעם באַשעפער ברוך הוא, וואָס ער שיקט אים דאָס גוטס דורך אַ צווייטן מענטש, ווי דער מלבי"ם זצ"ל טייטשט דעם פסוק (תהלים קכג, ב) 'הנה **כעיני עבדים** אל יד אדוניהם **כעיני שפחה** אל יד גבירתה, כן עינינו אל ה' אלקינו עד שיחננו', ווייל דאָ אין פסוק טרעפן מיר צוויי סאָרטן אויפהייבן די אויגן. **א)** 'כעיני עבדים אל יד אדוניהם', וואָס דער האר איז דער בעה"ב, און ער שטעלט צו פאר זיין קנעכט אַלע זיינע באַדערפענישן. **ב)** 'כעיני שפחה אל יד גבירתה', וואָס זי שטעלט אויך צו פאר איר דינסט אַלע אירע באַדערפענישן. פון וואו באַקומט אבער די האַרין די שפע? זי באַקומט עס פון דעם וואָס איר מאַן, דער האר, גיט עס איר כדי צו געבן פאַר איר דינסט. די האַרין איז נישט מער ווי אַ שליח אַריבערצופירן די שפע פונעם בעה"ב, איר מאַן, צו איר דינסט.

דאָס קומט אונז צו לערנען, אַז מיר זאָלן געדענקען, אַז אויך אויבנאויף זעט עס אויס אַז מ'דאַרף אָנקומען צום חסד פון אַ צווייטן מענטש, דאַרף מען אָבער געדענקען, אַז אַלעס וואָס יענער האָט איז נאָר פון דעם אויבערשטען. ממילא, וועט מען אויפהייבן די אויגן צו דעם **אמת'דיגן משפיע**, צו דעם באַשעפער, וואָס ער איז משפיע די שפע פאַר זיין שליח, דאָס מיינט דער מענטש וואָס פון אים באַקומען מיר די שפע. ממילא האָבן מיר זיך נישט וואָס צו פאַרלאָזן אויף קיין שום מענטש.

**ב.** ווען דער גאון מהר"ם שיק זי"ע אב"ד חוסט, איז געווען נישט געזונט ל"ע, איז זיין ידיד דער סיגעטער רב, הרה"ק בעל 'ייטב לב' זי"ע, געקומען מבקר חולה זיין דעם חוסטער רב. ביי דעם באַזוך, האָט דער מהר"ם שיק

ענינים פון דער וועלט. צום ביישפיל, ווען אַ מענטש טוט השתדלות פאַר פרנסה, אָבער ער פאַרלאָזט זיך בעיקר אויף דעם אויבערשטען, אַז ער וועט אים געבן הצלחה אין אַלעם וואָס ער טוט, איז ער זוכה אַז דער אויבערשטער וועט טאַקע זיין פאַר אים אַ פאַרזיכערונג, און ער וועט אים העלפן וואו ער וועט זיך ווענדן, נישט נאָר ביי די פרנסה, נאָר ביי אַלע זיינע באַדערפענישן.

דער וואָס איז זיך משתדל מיט א ריינער אמונה אַז נאָר דער אויבערשטער גיט אים דעם כח, 'הוא לבדו עשה ועושה ויעשה לכל המעשים', ווייל זיין גאַנצע השתדלות איז נאָר ווייל אַזוי האָט דער אויבערשטער גוזר געווען אויף אים, אָבער נישט אַז די תוצאה ווענדט זיך אין דעם[ג], ווערט ביי אים מקויים, 'ונתנו ה' אלקיך בידך', און ער איז זוכה צו הצלחה און סיעתא דשמיא, און 'מכלל הן אתה שומע לאו'[ד]...

---

געבעטן דעם 'ייטב לב', ער זאָל מתפלל זיין פאַר אים ער זאָל האָבן אַ רפואה שלימה, זאָגנדיג אַז ער ווייסט באמת נישט פאַרוואָס ער איז קראַנק געוואָרן און כאָטש די גמרא זאָגט (ברכות ה.) אַז ווען אַ מענטש זעט אַז ער האָט יסורים זאָל ער מפשפש זיין במעשיו, און ער זאָל עס אָנהענגען אויף דעם חטא פון ביטול תורה, אָבער איך שפיר נישט אפילו איין ביטול תורה, האָט דער מהר"ם שיק געזאָגט.

האט דער 'ייטב לב' אים געפרעגט, 'וואָס פעלט אייך?', און דער דער מהר"ם שיק האָט געענטפערט, 'עס פעלט מיר נאָר כח'... האָט דער 'ייטב לב' אים געזאָגט, דער פסוק זאָגט (ישעיה מ, לא) 'וקוי ה' יחליפו כח'. קען מען זאָגן אַ רמז, ס'איז באַקאַנט אַז איינער פון די וועגן פון קנינים איז 'חליפין', ווען דער קונה גיט אַ חפץ אָדער אַ טיכל פאַר דעם מקנה, און דורך דעם איז דער מקנה צוריק מקנה פאַר אים די זאַך וואָס ער וויל פון אים קויפן.

האָט דער 'ייטב לב' געזאָגט, אַז לויט דעם קען מען זאָגן, **'יחליפו'**, איז פון לשון 'חליפין'. דאָס מיינט, ווי אַזוי קען מען קונה זיין דעם כח פונעם אויבערשטען, וואָס ער האָט דעם כח און די שטאַרקייט? איז דער תירוץ, **דורך דעם וואָס מ'טוישט אויס מיט האָפענונג און בטחון.** דאָס איז די כוונה פון 'וקוי ה'', אין זכות פון דער האפענונג און דאָס אַרויסקוקן צום באַשעפער, טוט מען זיך 'טוישן' מיט דעם אויבערשטען כביכול, מיט די כוחות...

אגב, אויפ'ן וועג צוריק אהיים האָט דער משמש געזאָגט צום 'ייטב לב' זי"ע, אַז מ'זעט אין וואָס פאַר אַ מדרגה דער מהר"ם שיק געפינט זיך, אַז ער זעט נישט אויף זיך די עבירה פון ביטול תורה. האָט דער 'ייטב' לב אים געזאָגט, צי דען דאָס אַליין וואָס ער האַלט שוין ביי 'פשפש ולא מצא', איז נישט גענוג אַ גרויסע מדרגה, אַז דו וואונדערסט זיך פון דעם וואָס ער האָט געזאָגט אַז ער האָט נישט געפונען ביי זיך די עבירה פון ביטול תורה?

(געברענגט אין דער הקדמה צום ספר 'הרי בשמים' על התורה, פון בעסערמינער רב).

**ג.** דער מחבר פון ספר 'מתוקים מדבש' דערציילט: איך בין לעצטנס אַריינגעגאַנגען אין אַן 'עלעוועיטאָר' פון אַ צען-שטאָקיגן בנין. נאָך מיר איז אַריינגעקומען נאָך אַ איד. דער איד האָט מיר געזאָגט: דער דאָזיגער עלעוועיטאָר פירט זיך אַזוי, אַז עס דויערט אים אַ פאָר סעקונדעס נאָך דעם ווי מ'האָט געדרוקט אויפ'ן קנעפל פון דעם שטאָק וואו מ'וויל אָנקומען, ביז עס הייבט אָן אַרויפצופאָרן. האב איך געזאָגט צו דעם איד, איך קען אויך דעם דאָזיגן עלעוועיטאָר, מ'דאַרף דרוקן אַסאַך מאָל אויפ'ן קנעפל, ביז עס הייבט אָן אַרויפצופאָרן אַהין...

למעשה, האָט זיך אַרויסגעשטעלט אַז איך האָב געהאַט אַ גרויסן טעות. ווייל דער 'מח' פונעם עלעוועיטאָר, האָט באַלד פאַרשטאַנען ביים ערשטן דרוק מיט'ן קנעפל וואָס ער האָט צו טוהן, נאָר אַזוי פירט ער זיך צו טוהן אַלעס רואיג און מיט ישוב הדעת, און אַלע אַנדערע פעולות פון קוועטשן מיט'ן קנעפל, זענען 'לא מעלה ולא מוריד'...

פון דעם קען מען לערנען אויף אַלע ענינים פון דער וועלט, אַז דער אויבערשטער פאַרלאַנגט פון דעם מענטש נאָר אַ קליינע השתדלות, און דאָס וועט שוין אויפטוהן די פעולה אַז דער אויבערשטער זאָל אַראָפּברענגען אַסאַך שפע. נאָר דער נאַרישער מענטש וואָס האָט נישט קיין געדולד און ער הענגט אָן אַלעס אין זיינע אייגענע פעולות, זעצט פאָר צו טוהן נאָך און נאָך השתדלות, וואָס **במציאות טוען זיי גאָרנישט אויף**, ווייל אויך אָן די אַנדערע פעולות, וועט אנקומען צו אים די שפע וואָס ווערט נשפע אויף אים פון הימל. **אויב ער וויל זיך פלאָגן אומזיסט, האָט ער רשות דערפאַר, אָבער ער דאַרף וויסן אַז ער פאַרדינט גאָרנישט דערפון.**

עס ווערט געברענגט אין ספר 'לספר בציון' (ע' שצט) אין נאָמען פון דעם בעל העובדא, הרה"ח ר' נפתלי בנימין עקשטיין ע"ה, אַז ווען ער האָט זיך געזעגנט פונעם באָבובער רב, הרה"ק בעל 'קדושת ציון' זי"ע הי"ד, איידער ער איז אַהיימגעפאָרן ביים סוף פונעם 'זמן', האָט דער 'קדושת ציון' אים געזאָגט ווי פאָלגענד:

- ווען מ'לייגט תפילין, זאָגט מען דעם פסוק וארשתיך לי לעולם וידעת את ה'. דער פסוק לערנט אונז אַז ווען דער אויבערשטער כביכול האָט מקדש געווען כנסת ישראל זיי זאָלן זיין פאַר אים אַ 'כלה קרואה בנעימה', האָט ער געגעבן אַלס 'קידושין געלט', פילע אוצרות מיט אַלעם גוטן, פון ביזת מצרים ביז ביזת הים (זע אין דער הקדמה צום ספר 'המקנה', אות א), האָט ער צוגעלייגט דערצו נאָך אַ טייער רינגל, וואָס איז ווערד מער ווי די גאַנצע וועלט, וואָס דאָס איז די אמונה אין באַשעפער ברוך הוא, און **דער מענטש וואָס כאפט זיך אָן דערין מיט'ן גאַנצן כח, איז נישט דאָ אויף דער וועלט אַ מער צופרידענער מענטש ווי ער.**

דערנאָך האָט דער 'קדושת ציון' ווייטער געזאָגט צו ר' נפתלי בנימין, אַז פונקט ווי ווען אַ חתן איז מקדש די כלה מיט אַ רינגל, קען זי באַהאַלטן דאָס רינגל אין אַ שאַנק, און עס בלייבט נאָך אַלץ אין איר רשות, ווייל זי קען עס כסדר אַרויסנעמען און זיך באַצירן דערמיט. דאָס זעלבע איז מיט אמונה. **אַפילו ווען דער מענטש טראַכט נישט דערפון, און ער איז פאַרנומען מיט אַנדערע זאכן, איז די אמונה כסדר באַהאַלטן ביי אים אין האַרץ. ער קען עס אַרויסנעמען פון דאָרט און זיך אָנכאַפּן אין דעם בפועל, ווען ער וועט זיך נאָר דערמאַנען אַז ער האָט אין זיין באַזיץ די דאזיגע מתנה פון באַשעפער.** מ'קען זיך אָנקלעבן אין איר, און געניסן פון איר אור, צולייגנדיג האַרץ צו דער השגחה פרטית פון באַשעפער ברוך הוא אויף אים יעדע סעקונדע. דאַן וועט דער פלאַם פון דער אָריגינעלער אמונה, אויפקומען פון זיך אַליין, און אים שטאַרקן.

אַלס אַ ביישפיל דערצו, ווערט געברענגט (זע 'עבודת ישראל', פ' ואתחנן, אויפ'ן פסוק 'ותחת כי אהב'), אַז דער אויבערשטער האָט אַריינגעגעבן אין דער נאַטור פון דער וועלט, אַז ווען אַ לעכט לעשט זיך אויס דורך אַ ווינט און דאָס גלייכן, איז אויב מ'זאָל דערנענטערן צו דעם רויך פייער פון אַן אַנדער לעכט, וועט באַלד אויפפלאַמען אַ פלאַקער אין דעם קנויט פונעם לעכט וואָס איז פאַרלאָשן געווארן. דער נמשל איז פאַרשטענדליך, אַז אויך ווען דער מענטש איז טרוד, אויב ער וועט טראַכטן וועגן דער השגחה פרטית פון דעם באַשעפער אויף אים, וועט ער פאַרשטיין אַז דאָס לעכטל וואָס האָט זיך אויסגעלאָשן - דער אור פון אמונה - וועט ווייטער ברענען אין אים.

### מן הבאר

אין דער היינטיגער פרשה לייענען מיר (דברים כד, י-יא) 'כי תשא ברעך משאת מאומה, לא תבוא אל ביתו לעבוד עבוטו, בחוץ תעמוד, והאיש אשר אתה נושה בו יוציא אליך את העבוט החוצה'. דאָס מיינט, אַז דער מלוה טאָר נישט אַריינקומען אין הויז פונעם לוה וואָס באַצאָלט נישט זיין חוב כדי צו נעמען פון אים אַ משכון, נאָר ער דאַרף שטיין אינדרויסן און בעטן פונעם לוה ער זאָל אים אַרויסברענגען דעם משכון.

קען מען זאָגן, אַז די תורה קומט אָנזאָגן דעם מלוה, אַז ער זאָל נישט **טוהן צופיל השתדלות** צו באַקומען דאָס וואָס עס קומט זיך אים, נאָר ער זאָל זיך אָנפילן מיט אמונה אינעם באַשעפער, צו גלייבן אַז אויב ס'איז באמת נגזר געוואָרן אַז דאָס געלט זאָל צוריקקומען צו אים, קען ער זיין רואיג, **ער קען שטיין אינדרויסן**, ווייל ער וועט צוריק באַקומען דאָס געלט אָן דעם וואָס ער זאָל זיך דאַרפן צופיל מטריח זיין דערפאַר.

און דער 'קדושת ציון' האָט אויסגעפירט זיינע ווערטער צו דעם בחור נפתלי בנימין עקשטיין, דו זאָלסט געדענקען וואָס **דער אויבערשטער זאָגט צו יעדער אידישער נשמה, 'וארשתיך לי באמונה'. איך האב דיך גענומען אַלס אַ כלה מיט 'אירוסין', מיט'ן רינגל פון אמונה וואָס איך האָב אַריינגעגעבן אין דיר.** עס ליגט נאָנט צו דיר, דו קענסט כסדר אַרויסנעמען דעם דאָזיגן רינגל. אַלעס וואָס דו דאַרפסט טוהן, איז 'וידעת את ה'', דו זאָלסט ווענדן דיינע געדאַנקען צום באַשעפער, און דאַן וועט אויפשיינען דער אור פון אמונה וואָס איז איינגעפלאַנצט אין דיר, און דו וועסט זיין גליקלעך און געהויבן...

בשעת מעשה האָט דער דערמאנטער בחור, נפתלי בנימין עקשטיין, נישט פאַרשטאַנען פונקטליך פאַרוואָס זיין רבי, דער 'קדושת ציון', האָט אים געזאָגט די דערמאַנטע ווערטער, אָבער אַ קורצע צייט שפּעטער איז די וועלט ליידער פינצטער געווארן מיט'ן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט מלחמה. אין יענע שווערע צייטן, יעדעס מאל וואָס ער איז געוואָרן צובראָכן ביי זיך פון די פילע צרות און שווערע איבערלעבענישן, האָט ער זיך דערמאַנט אין דעם שמועס פונעם 'קדושת ציון' צו אים, און דאָס האָט אים געטרייסט און מחזק געווען, 'כמים קרים על נפש עייפה', זיך צו קענען האַלטן אין אַלע שווערע צייטן.

הגה"ח ר' שלום בראַנדער זצ"ל האָט דערציילט, אַז אין אַ שטעטל אין גאַליציע האָט געוואוינט אַ איד אַ גרויסער עושר, וועלכער האָט געבאָרגט אַ גרויסן סכום געלט פאַר אַ צווייטן איד, וועלכער איז ליידער געווען אַ ביטערער אָרימאַן ל"ע. ווען ס'איז געקומען די צייט צו באַצאָלן דעם חוב, און דער מלוה האָט געזען אַז 'הילד איננו', האָט ער מקיים געווען נאָר די סיפא פונעם פסוק - 'תהיה לו כנושה'... ער איז נאָכגעלאָפן דעם לוה, און געדרוקט אויף אים צו באַצאָלן דעם חוב.

ליידער האָט אָבער דער לוה נישט געהאַט אפילו אַ 'שוה פרוטה' צו באַצאָלן דעם חוב, און ער איז בלית ברירה אַנטלאָפן אין אַן אַנדערער שטאָט. דאָס האָט אָבער נישט געהאָלפן, ווייל דער מלוה איז אים נאָכגעלאָפן אויך אין דער צווייטער שטאָט, און אַזוי אין אַ דריטער און אַ פערטער שטאָט. דער לוה איז אַנטלאָפן, און דער מלוה איז אים נאָכגעלאָפן, ביז דער לוה איז אָנגעקומען אין בעלזא, אין דער צייט פון הרה"ק מהר"א זי"ע, מיט דער האָפענונג אַז דאָרט וועט ער האָבן מנוחה. אָבער אויך אין בעלזא, האָט ער פלוצלינג דערזען דעם מלוה. איז דער לוה אַריינגעגאַנגען צו זיין רבי'ן, דער בעלזער רב, און ער האָט זיך אַראָפגערעדט פון האַרצן אויף דעם מלוה, וועלכער רודפ'ט אים 'עד חרמה'...

האָט דער בעלזער רב זי"ע געשיקט רופן דעם מלוה און אים געפרעגט, 'פאַרוואָס לויפסטו אים נאָך?' האָט דער מלוה געענטפערט, ער איז דאך אַ 'לוה רשע ולא ישלם'. האט דער בעלזער רב אים געזאָגט:

- וויסן זאָלסטו, אַז געלט וואָס איז באשערט פאַר'ן מענטש פון הימל וועט אייביג בלייבן ביי אים אין דער האַנט, אויב ער וועט שאָדן האָבן דאָס געלט אויף איין אָרט, וועט ער עס שפּעטער פאַרדינען ערגעץ אַנדערש.

האט דער מלוה געפרעגט אויב דער רב גיט אים אַ הבטחה דערפאַר. האָט דער בעלזער רב איבערגעחזר'ט זיינע פריערדיגע ווערטער, נישט זיך באַציענדיג צו די עצם בקשה פונעם מלוה צו באַקומען אַזאַ הבטחה, נאָר ער האָט אים געזאָגט: 'דו וועסט קיינמאָל נישט שאָדן האָבן דיין געלט. אויב דו וועסט אים מוחל זיין דעם חוב, וועסטו פאַרדינען געלט פון ערגעץ אַנדערש. דאָס געלט וואָס איז אָנגעגרייט פאַר דיר, וועט שוין געפינען אַ וועג אָנצוקומען צו דיר...

הערנדיג די ווערטער פון דעם קדוש ה' דער בעלזער רב זי"ע, האָט דער מלוה פאַרשטאַנען אַז 'יש דברים בגו', און ער האָט זיך אנגערופן, 'איך בין מוחל מיט'ן גאַנצן האַרץ דעם חוב פאַר דעם לוה', און ער האָט זיך אויסגעדרייט אַהיימצוגיין (ווייל וואָס האָט ער דאָרט צו בלייבן נאָך דעם ווי ער האָט מוחל געווען דעם חוב...).

שטייענדיג אויף דער באַן סטאַנציע און וואַרטנדיג אויף אַ באַן אָנצוקומען, האָט דער מלוה געקויפט אַ 'לאָטערי', און ער האָט געוואונען גענוי **דעם זעלבן סכום פון דער הלוואה**, 'לא פחות ולא יותר'...

**ד.** די גמרא זאָגט (ברכות ח.) אַז אין ארץ ישראל האָט מען זיך געפירט, ווען אַ מענטש האָט חתונה געהאַט, האָט מען אים **געזאָגט** 'מצא או מוצא'? 'מצא', ווייל דער פסוק זאָגט (משלי יח, כב) '**מצא** אשה מצא טוב, ויפק רצון מה'', און 'מוצא', ווייל דער פסוק זאָגט (קהלת ז, כו) '**ומוצא** אני מר ממות את האשה'. בפשטות איז די כוונה, אַז מ'האט אים געפרעגט וועגן די פרוי מיט וועלכע ער האָט חתונה געהאַט, אויב זי איז אַ גוטע אָדער אַ שלעכטע פרוי ח"ו.

דאַרף מען לכאורה פאַרשטיין: **א)** ווי אַזוי איז מעגליך פאַר דעם חתן צו וויסן באַלד נאָך די חתונה וואָס פאַר אַ שידוך ער האָט זיך 'איינגעקויפט', און וואָס פאַר אַ פנים האָט עס, צו פרעגן אַ חתן באלד ביי די חתונה, אָדער אינמיטן די שבע ברכות, 'חתן לעבן, דו האָסט שלום בית?'... **ב)** לויט'ן דקדוק הלשון, וואָלט די גמרא געדאַרפט זאָגן אַז מ'האט '**געפרעגט**', און נישט אַז מ'האָט 'געזאָגט' אין ארץ ישראל. **ג)** פאַרוואָס איז עס זיי געווען אַזוי 'וויכטיג' צו פרעגן דעם חתן אַזאַ 'שאלה'... ווען איז אַ חילוק, אויב דער חתן איז צופרידן מיט זיין שידוך, אָדער נישט? און פאַרוואָס איז עס אַריינגעשטעלט געוואָרן לדורות אין דער הייליגער גמרא (ס'איז כדי צו זען אין 'חפץ חיים' (כלל א, סקי"ג) וואו ער באַהאַנדלט די ווערטער פון דער גמרא, מכח דעם איסור פון לשון הרע).

איז דער תירוץ, אַז באמת זענען זיי נישט געקומען פרעגן דעם חתן אַ שאלה, נאָר זיי האָבן אים געוואָלט געבן אַ גוטע עצה, און אַ הדרכה אויפ'ן גאַנצן לעבן. וויסן זאָלסטו, חתן טייערער, אַז אויב דו זאָגסט 'מוצא **אני**' - '**איך**' האָב געטראָפן דעם שידוך, ווייל **איך** האָב זיך געוואָנדן צו שדכנים, און **איך** האָב געוואוסט וואָס און ווי אַזוי צו זוכן... אויך רעדט ער זיך איין אַז ער וועט בויען זיין הויז מיט זיין אייגענע חכמה, וועט דער סוף זיין אַז מ'וועט אים פון הימל נישט צוהעלפן, און דאָס ווייב וועט פאַר אים ווערן 'מר ממות' ח"ו. דאַקעגן איינער וואָס זאָגט '**מצא**', און ער לייגט נישט צו דעם 'אני', נאָר ער ווייסט אַז פון הימל האָט מען אים צוגעשיקט אַ '**מציאה**', אַזאַ איינער איז פאַרזיכערט אַז עס וועט זיין '**מצא טוב**', ער וועט בויען אַ אידישע היים בטוב ובנעימים, ויפק רצון מה'.

### חודש אלול - הכנה צו ראש השנה

**מיר** לייענען אין דער הייינטיגער פרשה (כג, יב) 'והיה לפנות ערב ירחץ במים, וכבוא השמש יבא אל תוך המחנה'.

**זאָגט** דער גאון בעל 'נודע ביהודה' זצ"ל, אין זיין ספר 'דרושי הצל"ח' (דרוש א, אות ו-ח)), לויט ווי דער 'כלבו' זאָגט (און אַזוי שטייט אויך אין זוהר הקדוש), אַז ווען דער שטן קומט מקטרג זיין ח"ו אויף אידישע קינדער אינעם יום הדין, זאָגט אים דער אויבערשטער, גיי און ברענג באַגלייבטע עדים וואָס זאָלן עדות זאָגן אויף דער גערעכטיגקייט פון דיינע ווערטער. גייט דער שטן באַלד צו דער זון און צו דער לבנה, און ער בעט זיי צו קומען עדות זאָגן פאַר'ן בית דין של מעלה אַז אידישע קינדער האָבן חלילה געזינדיגט. די זון טוט אים צוליב און זי קומט עדות זאָגן, אָבער די לבנה וויל בשום אופן נישט קומען רעדן שלעכטס אויף די אידן, און צוליב דעם באַהאַלט זי זיך דעמאָלס, אַזוי ווי דער פסוק זאָגט (תהלים פא, ד) 'בכסה ליום חגנו', און אַזוי בלייבט די זון איין עדות אליין, און די עדות'שאַפט פון איין עד האָט נישט קיין שום ווערד, ווייל אַן 'עד אחד' איז נישט באַגלייבט, עכ"ד הכלבו.

**איז** דער צל"ח מוסיף אויף די ווערטער פונעם 'כלבו', די גמרא זאָגט (קידושין סו:) אַז כאַטש איין עד איז נישט באַגלייבט, איז דאָס נאָר ביי געוועונדליכע עדות'שאַפטן, אָבער עדות צו זאָגן אויף אַ מום אין דעם גוף, איז אויך אַן 'עד אחד' באַגלייבט. נו, ווערט דאָך יעצט אַ גרויסע פּראָבלעם, ווייל אַן עבירה, ווערט דאָך גערעכנט פאַר'ן מענטש ווי אַ מום שבגוף. צום ביישפּיל, איינער וואָס ווערט געשטרויכלט מיט זען מראות אסורות רח"ל, ווערט ער גערעכנט אַזוי ווי אַ בלינדער חלילה, און איינער וואָס הערט וואָס מ'טאָר נישט הערן, איז אַזוי ווי אַ טויבער ח"ו. אויב אַזוי, וואָס

---

אַ חשוב'ער ראש הכולל פון אַ כולל וואו עס האָבן געלערנט 100 יונגעלייט, האָט זיך געפּלאָגט צו באַצאָלן די יונגעלייט, צוליב דעם וואָס די ביישטייערונגען פאַר'ן כולל זענען געוואָרן וויי‌ניגער און וויי‌ניגער. איז דער ראש הכולל אַריינגעגאַנגען צו איינעם פון די גדולי הדור, און ער האָט זיך אָפּגערעדט איבער דעם שווערן מצב אין וועלכן זיין כולל געפינט זיך. ער האָט צוגעלייגט, אַז ווי עס זעט אויס, וועט ער חלילה מוזן פאַרמאַכן דעם כולל. האָט דער גדול אים געזאָגט, 'אדרבה, נעם אַריין נאָך צוואָנציג יונגעלייט. דער זכות פון החזקת התורה וועט דיר ביישטיין, און דו וועסט געהאָלפן ווערן מיט אַ ישועה'.

דער ראש הכולל האָט אַזוי געטוהן, און עס האָבן זיך געעפנט פאַר אים די טויערן פון שפע. ער האָט געפונען נדבנים וואָס האָבן גענומען אויף זיך דעם עול אויסצוהאַלטן זיין כולל. די שפע האָט זיך אַזוי פאַרמערט בלי עין הרע, ביז ער האָט באַוויזן אַריינצונעמען נאָך און נאָך יונגעלייט, אַזוי אַז די צאָל יונגעלייט אין כולל האָט שוין באַטראָפן נישט וויי‌ניגער ווי 200 יונגעלייט תלמידי חכמים.

שפּעטער איז דער ראש הכולל נאָך אַמאָל אַריינגעגאַנגען צו יענעם גדול, און אים דערציילט וועגן די הצלחה וואָס ער האָט, ברוך ה', געזען אין זיין כולל, אַז היינט לערנען שוין דאָרט צוויי הונדערט יונגעלייט, און ער וויל אַלזאָ וויסן צי ער זאָל אַריינעמען נאָך יונגעלייט. האָט דער גדול געענטפערט, חלילה, נעמט נישט אַריין מער יונגעלייט, ווייל אויך די צוויי הונדערט וואָס איר האָט היינט, זענען אין אַ סכנה אַז איר וועט נישט האָבן קיין געלט זיי צו צאָלן.

איז דער ראש הכולל דערציטערט געוואָרן, און געפרעגט דעם גדול, ילמדינו רבינו, 'מה נשתנה'? פאַרוואָס פריער, ווען איך בין געווען אין אַ שווערן מצב, האָט איר מיר געהייסן אַריינעמען נאָך יונגעלייט, אָבער יעצט ווען דער מצב האָט זיך ברוך השם סטאַביליזירט, זאָגט איר מיר אַז אויך די יונגעלייט וואָס לערנען שוין אין מיין כולל, זענען אין אַ 'סכנה' חס ושלום? האָט דער גדול אים געענטפערט:

- דאָס פריערדיגע מאָל האָסטו געשפּירט אַז דו ביזט נישט בכח אַליין אויסצוהאַלטן דעם כולל, און דו האָסט געוואוסט אַז נאָר דער אויבערשטער קען דיר העלפן. וועגן דעם האָב איך געוואוסט אַז דו וועסט טאקע האָבן אַ ישועה, און דו קענסט אַריינעמען נאָך יונגעלייט. אָבער יעצט, אַז די הצלחה האָט אויפגעשיינט פאַר דיר, און דו האָסט באַקומען דעם געפיל אַז דו ביסט אַ 'מוצלח', און אַז 'כוחי ועוצם ידי עשה לי את החיל הזה'... דערפאַר איז די עקזיסטענץ פון דעם גאַנצן כולל אין אַ סכנה ח"ו.

פאַר אַן עצה האָבן מיר אין דעם יום הדין? ביי 'מומין שבגופו' איז דאָך אַן 'עד אחד' באַגלייבט, און ממילא קען דער שטן ברענגען אַלס אַן עדות אַפילו בלויז די זון אַליין.

**איז** די עצה דערצו, 'והיה לפנות ערב' - ביים סוף פונעם יאָר. 'ירחץ במים' - זאָל דער מענטש 'אויסוואַשן' מיט טרערן זיין נפש, רוח ונשמה, און ער זאָל זיי אָפּרייניגן פון יעדן פגם, און אַזוי וועלן זיך אָפּטון פון אים אַלע מומין וואָס ער האָט אינעם גוף[ה]. 'וכבוא השמש' - ווען די זון וועט קומען אַליין עדות זאָגן קעגן די אידן, וועט דער אויבערשטער נישט אָננעמען איר עדות, און די אידן וועלן זוכה זיין אַריינצוקומען 'אל תוך המחנה' - צו מחנה שכינה, און זיי וועלן אַרויסגיין זכאי ביים משפט[ו].

**אויפן** פסוק אין דער היינטיגער פרשה (כא, י) 'כי תצא למלחמה על אויביך', זאָגט הרה"ק רבי אלימלך

---

**ה.** איינע פון די וועגן זיך 'אָפּצוואַשן', איז דורך לימוד התורה. ממילא, דאַרף מען אין די יעצטיגע טעג פאַרמערן לימוד התורה ווי ווייט מעגליך.

אויפ'ן פסוק אין דער היינטיגער סדרה (כג, יב) 'והיה לפנות ערב ירחץ במים וכבוא השמש יבוא אל תוך המחנה', זאָגט הרה"ק בעל 'כנסת יחזקאל' פון ראַדאָמסק זי"ע, אַז דער פסוק קומט מרמז זיין פאַר דעם מענטש וואָס וויל תשובה טוהן און 'אָפּטוהן' פון זיך די עבירות, **'לפנות ערב'** - וואָס זענען צוגעגליכן צו 'נאַכט' און פינצטערניש. איז זיין עצה, **'ירחץ במים'** - ער זאָל זיך אָפּוואַשן מיט די תורה, וואָס איז צוגעגליכן צו וואַסער, ווי די גמרא זאָגט (תענית ז.) 'אין מים אלא תורה'. דאָס הייסט, ער זאָל **זיך שטאַרקן מיט לימוד התורה, און די תורה וועט אים 'אָפּוואַשן' און רייניגן פון יעדן סאָרט שמוץ.**

ווי הויך עס דערגרייכט דער כח פון תורה, מכפר צו זיין אויף אַלע עבירות, קען מען זען פון די הייליגע ווערטער פון זאָלאָזשיצער מגיד, הרה"ק בעל 'ברית אברם' זי"ע, אויף דעם פסוק אין דער היינטיגער סדרה (כא, כב) 'וכי יהיה באיש חטא משפט מות והומת ותלית אותו על עץ'. אַז דער פסוק רעדט דאָ צו איינעם וואָס האָט עובר געווען אַזעלכע גרויסע עבירות, אַז ס'איז מעגליך אַז אַפילו אויב ער וועט תשובה טוהן און זיך פייניגן מיט סיגופים 'קרובים למיתה' רח"ל, פונדעסטוועגן וועט עס נישט זיין גענוג פאַר אים (עיי"ש). וואָס זאָל ער אָבער טוהן אַז ער זאָל יאָ קענען האָבן אַ כפרה? אויף דעם זאָגט דער פסוק, **'ותלית אותו על עץ'**, ער זאָל לערנען תורה וואָס ווערט אָנגערופן 'עץ' [ווי די גמרא זאָגט (ברכות לב:) אויפ'ן פסוק (משלי ג, יח) 'עץ חיים היא למחזיקים בה'], און **מיט'ן כח התורה וועט ער קענען מכופר ווערן אויף די האַרבסטע עבירות, וואָס אַפילו די שווערסטע פיזישע סיגופים העלפן נישט דערויף.**

דער 'משנה ברורה' ברענגט (סי' תקפה, סק"ג) אַ טעם פאַר דעם מנהג צו בלאָזן שופר ראש השנה ביי די 'בימה', ווייל ביי די 'בימה' לייענט מען דאָך אַ גאַנץ יאָר אין דער תורה, און מיר ווילן אַז **דער זכות פון די תורה זאָל אונז שיצן** און אונז זאָלן געדענקט ווערן פאַר דעם אויבערשטען צום גוטן. ממילא, קען דער מענטש וואָס האָט שכל, אַליין פאַרשטיין **ווי ווייט מ'דאַרף פאַרמערן לימוד התורה, אַלס אַ הכנה צו ראש השנה**, כדי דער זכות פון די תורה זאָל אים שיצן, און ער זאָל באמת קענען זאָגן די ווערטער, 'תורה הקדושה התחננו בבקשה' (סליחות לצום גדלי').

**ו.** הגה"צ רבי יעקב מאיר שעכטער שליט"א דערציילט, אַז ווען ער האָט געוואָלט אַריינגיין לערנען אַלס בחור אין דער סלאָנימער ישיבה 'בית אברהם', איז ער געגאַנגען זיך פאַרהערן ביי דעם דעמאָלסדיגן ראש הישיבה, הרה"ק בעל 'נתיבות שלום' זי"ע. באַלד ווען ער איז אַריינגעקומען אין צימער פונעם ראש ישיבה, האָט דער 'נתיבות שלום' אים געפרעגט, אין וועלכן תוספות ער איז אַממערסטן באַקאַנט, פון די אַלע בלעטער גמרא וואָס ער האָט זיך צוגעגרייט צו לאָזן זיך פאַרהערן אויף זיי. האָט רבי יעקב מאיר געענטפערט וועלכער תוספות איז ביים אים די קלאָרסטע. האָט דער 'נתיבות שלום' אים געהייסן גיין לערנען און איבער'חזר'ן דעם תוספות אַ האַלבע שעה צייט, און דערנאָך זאָל ער צוריקקומען צו אים, און ער וועט אים פאַרהערן דעם תוספות.

זאָגט רבי יעקב מאיר, אַז ביז דעמאָלס האָט ער געמיינט, אַז דער תכלית פון אַ 'פאַרהער' איז צו זען אויב דער וואָס לאָזט זיך פאַרהערן, קען אָדער נישט, און אים צו 'כאַפּן' וואו ער קען נישט... אָבער דאַן האָט ער זיך אויסגעלערנט אַ נייעם דרך, אַז אדרבה, מ'שטעלט אים צו אַ פאַרהער ווייל מ'וויל ער זאָל מצליח זיין אינעם פאַרהער, און מ'וויל אים ווייזן אַז ער קען באמת יאָ גוט... דער דאָזיגער געפיל האָט אים שטאַרק אויפגעהויבן און

גראָדזשיסקער זי"ע, אין 'אמרי אלימלך' (פ' כי תצא, ד"ה 'או יאמר הכתוב'), אַז מיר לערנען דאָ אַ מורא'דיגע לימוד, אַז דער וואָס טוט אָנהייבן די עבודת הקודש שוין אין חודש אלול, האָט גאָר אַ גרויסע מעלה. דער פסוק רעדט וועגן דער מלחמה פונעם מענטש אין ראש השנה - דער יום הדין, ווען די מענטשן קומען און שטעלן זיך פאַרן באַשעפער צום משפט. ראש השנה, וואָס איז דער טאָג פון דער 'מלחמה', איז דאָך נישט שייך צו זאָגן דעמאָלס 'כי תצא למלחמה', ווייל דעמאָלס האַלט מען שוין פעסט אינמיטן דער מלחמה'. מ'דאַרף אַרויסגיין אין דער מלחמה נאָך פאַר דעם יום הדין - דער טאָג פון דער מלחמה, האַלטן מלחמה און קעמפן דורך תשובה, תפילה וצדקה, און אַזוי וועט מען זיגן אין דער מלחמה און אַרויסגיין זכאי בדין אינעם יום הדין.

**דאָס** זאָגט דער פסוק, 'כי תצא למלחמה', אַ רמז אויף דעם אַרויסגיין פונעם מענטש נאָך איידער עס קומט די מלחמה. אויב ער טוט תשובה אין חודש אלול, וואָס זענען ימי רחמים ורצון, פאַרזיכערט אים די תורה 'ונתנו ה' אלקיך בידיך', דער אויבערשטער

---

אים אַריינגעגעבן חיות און פרישע כוחות צו שטייגן אין תורה, ווייל ער האָט געשפּירט ווי דער ראש ישיבה וויל אַז ער זאָל מצליח זיין.

ווען עס דערנענטערט זיך דער יום הדין, און די ספרים ווערן געעפנט אין הימל און מ'שטעלט יעדן איינעם צו אַ 'פּראָבע' אויף אַלע זיינע מעשים אין משך פון פאַרלאָפענעם יאָר, דאַרפן מיר גוט וויסן און געדענקען, אַז **דער אויבערשטער שטעלט אונז נישט פאַר דער פּראָבע ווייל ער וויל אונז 'כאַפּן' ח"ו מיט אונזערע שטרויכלונגען, נאָר אדרבה, דער אויבערשטער וויל אַז מיר זאָלן אַרויסגיין גערעכט ביים משפט**, אַזוי ווי מיר האָבן שוין געברענגט וואָס עס האָט געזאָגט הרה"ק בעל 'חידושי הרי"ם' זי"ע, אַז **חודש אלול איז אַ גוטע מתנה פאַר די אידן**, ווייל דער אויבערשטער וויל אונזער טובה, דערפאַר האָט ער אונז געגעבן אַ גרויסע מתנה, אַ צייט ווען מיר זאָלן זיך קענען גוט צוגרייטן, און תשובה טוהן ווי געהעריג פאַר די נישט גוטע מעשים וואָס מיר האָבן געטוהן.

**ז.** הגה"צ רבי צבי מאיר זילבערבערג שליט"א דערציילט, אַז ער האָט געהערט פון אַ איד אַ זקן, וואָס האָט געהערט פון אַן עלטערן איד, וואָס 'בדידיה הוה עובדא': ער איז געווען אַמאָל ביים הייליגן שינאַווער רב זי"ע. פאַר אים אין דער רייע צו געבן אַ קוויטל פאַר'ן שינאַווער רב, איז געשטאַנען אַ איד וואָס האָט לאַנגע יאָרן געוואַרט אויף קינדער, און ער האָט זיך שטאַרק אויסגעוויינט דאָס האַרץ פאַר'ן שינאָווער רב, ער זאָל פועל'ן פאַר אים אַ ישועה. דער שינאָווער רב איז אַריין אין אַ מצב פון 'דביקות', און עס האָט אויסגעזען ווי ער דרימלט. נאָך אַ לענגערע צייט, זעענדיג אַז דער רבי כאַפּט זיך נישט אויף פון זיין דביקות, איז דער איד, וועלכער איז געווען זייער מיד פון דעם לאַנגן וועג קיין שינאָווע, געגאַנגען אין אַ זייט, און זיך אַראָפּגעזעצט אויף אַ בענקל, און האָט איינגעדרימלט.

אינצווישן האָט דער שינאָווער רב זיך אויפגעכאַפּט פון זיין דביקות, געעפנט די אויגן און באַלד אָנגעוואונטשן: 'היי יאָר וועט איר געהאָלפן ווערן מיט אַ בן זכר... מזל טוב!' דעמאָלס איז דאָרט אָבער געשטאַנען דער עלטערער איד, וויבאַלד דער ערשטער איז דאָך געגאַנגען אין אַ זייט כדי צו כאַפּן אַ דרימל. וכן הוה, צום יאָר איז ביי דעם עלטערן איד געבוירן געוואָרן אַ בן זכר, געזונט און שטאַרק... צוליב דעם רעש, אָבער, האָט דער ערשטער איד זיך אינצווישן אויפגעכאַפּט פון זיין דרימל, און ער האָט פאַרשטאַנען וואָס דאָ האָט פּאַסירט, אַז דער שינאָווער רב זי"ע האָט אַוועקגעגעבן 'זיין' ברכה פאַר אַ צווייטן איד, אַ זקן, און ער איז געבליבן 'קרח מכאן ומכאן'. איז ער צוגעגאַנגען צום שינאָווער רב מיט אַ געוויין, זאָגנדיג, אַז ער איז דאָס דער וואָס האָט מעורר רחמים געווען פאַר זיך ביים רבי'ן. האָט דער שינאָווער רב אים געזאָגט: 'פאַרפאַלן, מ'קען שוין נישט צוריקציען. פון הימל איז אַראָפּגעקומען אַ שפע, אָבער יענער איד האָט זוכה געווען דערין'...

פון די מעשה קענען מיר זיך אַראָפּלערנען, **עס פּאַסירט אַ מאָל דער מענטש האָט אַמאָל אַ געלעגנהייט וואָס מ'טאָר נישט פאַרפּאַסן.** מ'וויל דיך בענטשן מיט אַ שפע פון ברכה, למעלה מדרך הטבע. זע נישט צו פאַרלירן אַלעס מיט איין 'דרימל'... דאָס זעלבע איז אין חודש אלול, דער אויבערשטער כביכול רופט אויס, איך וויל אייך געבן אַ גוט זיס יאָר, מיט בני חיי ומזוני, און צוליב דעם בלאָזט מען שופר, אויפצואוועקן די פאַרשלאָפענע מענטשן, **יעצט איז נישט די צייט צו כאַפּן 'אַ דרימל', 'עורו ישנים', און גרייט זיך צו ריכטיג, וועט איר זוכה זיין צו די גרויסע שפע.**

ברוך הוא וועט דיר געבן דעם נצחון פון דער מלחמה אינעם יום הדין. דו וועסט זיין בכח איבערצובייגן די רחמים און דין, יעדן איינעם פון זיי צום אָרט וואו עס געהערט, אַזוי ווי ס'איז דיין רצון, אמן, כן יהי רצון.

**דער** 'מאירי' ז"ל שרייבט אין 'חיבור התשובה' (מאמר ב, פ"א), אויפ'ן פסוק (ישעי' נה, ו) 'דרשו ה' בהמצאו קראוהו בהיותו קרוב'. ברענגט דער 'מאירי' פון חז"ל, אַז 'בהיותו קרוב' מיינט, אַז ס'איז ראוי פאַר יעדן מענטש זיך משתדל צו זיין פאַר ראש השנה מיט בעטן אַסאַך תפילות[ח], כדי מ'זאָל אַריינקומען אין ראש השנה מיט אַ טהרה פונעם האַרץ.

**דער** כלל איז, אַזוי ווי די צדיקים האָבן געזאָגט (זע 'משמיע שלום', פון הרה"ק רבי שמעון שלום מאַמשינוב זי"ע, אלול, ועוד), אַ רמז אויף די ווערטער פון חז"ל (ע"ז ג.) 'מי שטרח בערב שבת יאכל בשבת'. חודש אלול, וואָס איז דער זעקסטער חודש, (וואָס פאַנגען זיך אָן אין חודש ניסן) איז אַנטקעגן דעם זעקסטן טאָג - ערב שבת. איז דער רמז אין די ווערטער פון חז"ל, 'מי שטרח' - דער וואָס האָט זיך באַמיט און זיך צוגעגרייט 'בערב שבת' - אין חודש אלול, צו חודש תשרי, וואָס איז דער זיבעטער חודש (וואָס איז אַנטקעגן דעם זיבעטן טאג פון דער וואָך - שבת קודש). 'יאכל בשבת' - ער איז זוכה צו עסן אין דעם זיבעטן חודש. ער וועט זוכה זיין צו אַ כתיבה וחתימה טובה לטובה ולברכה, לשנת גאולה וישועה.

**דער** סלאָנימער רבי, הרה"ק בעל 'בית אברהם' זי"ע, איז מוסיף (פ' נצבים, ד"ה 'הכל'), 'הכל הולך אחר החתום', אלול איז אַ בחינה פון 'ערב שבת', און תשרי איז אַ בחינה פון 'שבת', אַזוי ווי אונזערע הייליגע רבי'ס זי"ע האָבן געזאָגט, אַז די גאַנצע השפעה וואָס קומט אַראָפּ פון שבת צו די וואָכן-טעג, איז דורך 'תוספת שבת', וואָס אַ איד איז מוסיף 'מחול על הקודש', ווייל די קדושה פון שבת אַליין איז גאָר הויך. און דאָס זעלבע, די השפעה און די ברכה אויף אַלע טעג פונעם

---

**ח.** דער גאון רבי שלמה קלוגער זצ"ל שרייבט ('תהלות ישראל', תהלים מב), בזה הלשון: **דער עיקר פון די תפילות פון חודש אלול איז, אַז דער אויבערשטער זאָל פאַר אונז צושטעלן אַ מקור פון טרערן, אַז מיר זאָלן קענען מתפלל זיין אין ראש השנה און יום כיפור מיט הייסע טרערן.**

און ער גיט אַ טעם דערפאַר, ווייל די גמרא זאָגט (ברכות לב:) אַז די טויערן פון טרערן זענען קיינמאָל נישט פאַרשלאָסן געוואָרן אין הימל, און אויב מיר ווילן פועל'ן אַ גוט זיס יאָר מיט אונזערע תפילות אין ראש השנה און יום כיפור, דורך אונזערע תפילות וואָס מיר האָפן אַז זיי וועלן אַרויפגיין אין הימל און אָנגענומען ווערן פאַר דעם מלך שומע תפילה, דאַרף מען פאַרגיסן הייסע טרערן ביי די תפילות.

### מן הבאר

הרה"ק רבי מרדכי'לע נאַדבורנער זי"ע האָט געזאָגט, אַז **דער עיקר דין אין ראש השנה איז וועגן די תפילות אין חודש אלול, וויפיל דער מענטש האָט מתפלל געווען, און ווי אַזוי ער האָט געדאַווענט, און צי ער האָט געזאָגט אַסאַך קאַפּיטלעך תהלים.**

דערמיט האָט הרה"ק רבי מרדכי'לע געטייטשט די ווערטער פון חז"ל (ר"ה יח.) 'בר"ה כל באי העולם עוברין לפניו כבני מרון', און די גמרא זאָגט, אַז 'כבני מרון' מיינט '**כבני אמרנא**' - שעפּסן וואָס גייען אַריבער איינער נאָכ'ן אַנדערן ווען מ'נעמט מעשר פון זיי. רב יהודה זאָגט אין נאָמען פון שמואל, אַז 'כבני מרון' מיינט אַזוי ווי די 'חיילות של בית דוד'.

זאָגט ער, אַז דאָס וואָרט 'אמרנא' איז פון לשון 'אמירה' - זאָגן. דאָס הייסט, אַז **דער משפט פון די מענטשן פון דער וועלט איז וויפיל זיי האָבן מתפלל געווען**, און רב יהודה זאָגט אין נאָמען פון שמואל, 'כחיילות של בית דוד', דאָס הייסט, לויט וויפיל קאַפּיטלעך תהלים וואָס דוד המלך ע"ה האָט געמאַכט, מ'האָט געזאָגט אין חודש אלול... **דאָס זענען די 'חיילים' - די 'סאָלדאַטן' און דאָס 'געווער' פון אידישע קינדער און פון דוד המלך'ס הויז, און טאַקע אויף דעם איז דער משפט אין ראש השנה, וויפיל תהלים מ'האָט געזאָגט אין חודש אלול.** על כל פנים, פון דעם זעען מיר ווי וויכטיג ס'איז מתפלל צו זיין וואָס מער אין חודש אלול.

יאָר, פון דעם וואָס דער מענטש איז מוסיף מיט תשובה און מעשים טובים פון אלול אויף תשרי[ט].

**קראוהו בהיותו קרוב - זיך נישט אָוועקרירן פונעם ספר תהלים**

**אויפ'ן** פסוק אין דער היינטיגער סדרה (כא, יג) 'ובכתה את אביה ואת אמה ירח ימים', זאָגט דער זוהר חדש (עב.) אַז עס גייט אַרויף אויף דעם ענין פון תשובה, 'ובכתה את אביה ואת אמה ירח ימים', מיינט מען חודש אלול, ווען משה רבינו ע"ה איז אַרויפגעגאַנגען אויפ'ן באַרג צו בעטן דעם אויבערשטען רחמים פאַר אידישע קינדער.

**זאָגט** הגה"ק רבי חיים וויטאַל זי"ע ('עץ הדעת טוב', ד"ה 'או ירמוז'), אַז דער עיקר פון דער תשובה אַז עס זאָל אָנגענומען ווערן, איז אין חודש אלול', וואָס ווערט אָנגערופן 'ירח ימים' הנוראים, ווייל דעמאָלס ווערט די תפילה פונעם מענטש געהערט.

---

**ט.** מיר זאגן ליל שב"ק אינעם זמר 'אזמר בשבחין', 'יהא רעוא קמיה דתשרי על עמיה, דיתענג לשמיה במתיקין ודובשין'. זאָגט דער 'בית אברהם' זי"ע (פ' נצבים, ד"ה 'דתשרי'), אַ מורא'דיגע טייטשט, מיר זענען מתפלל, **'יהא רעוא'** - עס זאָל זיין דער ווילן פונעם באַשעפער. **'קמיה דתשרי'** - אַז נאָך איידער עס קומט אָן דער חודש תשרי. **'על עמיה'** - זאָלן אידישע קינדער נתעורר ווערן צו תשובה און תיקון המעשים. דעמאָלס וועט זיין **'דיתענג לשמיה במתיקין ודובשין'** - דער מענטש וועט שפירן אַ זיסקייט אין עבודת השי"ת, און ער וועט זוכה זיין צו גוטע השפעות, מיט בני חיי ומזוני רוויחי.

**י.** הגה"צ רבי יצחק טוביה ווייס זצ"ל גאב"ד ירושלים, פלעגט דערציילן ווען ער האָט געוואָלט אַרויסברענגען דעם כח פון די טעג פון אלול, ווען 'המלך בשדה', די פאָלגענדע מעשה:

אין זיין יוגנט, האָט רבי טובי' ווייס געוואוינט אין אַ שטעטל נאָנט צו פרעשבורג (אַרום פיר קילאָמעטער). ווען די דייטשע רשעים ימ"ש ימח שמם זענען אַריינגעקומען אין זייער שטעטל, האָט דער ראש הקהל דאָרט נישט געוואוסט וואָס צו טוהן. צוליב אַ מאַנגל אין אינפאָרמאַציע וואס האט דאן געהערש, היות אין יענע צייטן איז נישט געווען קיין קאָמוניקאַציע צווישן איין שטאָט און דער אַנדערער, און די איינוואוינער פונעם קליינעם שטעטל האָבן נישט געוואוסט וואָס עס קומט פאָר אין די גרויסע שטעט, האָט דער ראש הקהל שנעל אַריבערגעשיקט דאָס יונגל טוביה ווייס, ער זאָל גיין קיין פרעשבורג און פרעגן דעם דאָרטיגן ראש הקהל וואָס מ'דאַרף טוהן אין אַזאַ שעה. ווען ער איז אָנגעקומען, האָט דער ראש הקהל אים געזאָגט, ער זאָל איבערגעבן פאר זיינע משלחים, אַז אַז דער מצב איז זייער ביטער און מ'דאַרף גרויס רחמי שמים. ער האָט צוגעלייגט אַז דער קעניג פון ענגלאַנד האַלט ביים שיקן אַ באַן מיט טויזנט זיצן צו ראַטעווען אידישע קינדער. כאָטש ער ווייסט נישט ווי אנצופאנגן, פאר ווענען צו געבן ערשט, אָבער אַזוי ווי דער שליח, דאָס יונגל טוביה, איז אַליין געקומען, און ער איז אים זייער געפעלן, וועט ער אים שענקען אַ בילעט (טיקעט) מיטצופאָרן מיט דער באַן קיין ענגלאַנד. דאָס אינגל איז שנעל צוריקגעגאַנגען אַהיים צו זיין שטעטל, און איבערגעגעבן דאָס שליחות פאַר'ן ראש הקהל פון דער קהילה, און פון דאָרט האָט ער זיך געאיילט צו זיינע עלטערן אַהיים. זיינע עלטערן האָבן שנעל איינגעפּאַקט זיינע חפצים און זיך געזעגנט פון אים מיט אַ שווער האַרץ און מיט טרערן, ווען זיין מאמע זאָגט אים אָן: 'זאָלסט אייביג געדענקען, וואו דו וועסט נאָר זיין, אַז דו ביזט אַ איד'! אַ קורצע צייט שפּעטער, האָט רבי טוביה זיך טאַקע שוין געפונען אין ענגלאַנד, צוזאַמען מיט טויזנט אַנדערע קינדער, פּליטים פון דער מלחמה.

עטליכע וואָכן שפּעטער, האָט דער קעניג געוואָלט זען מיט די אייגענע אויגן די רעטונגס אָפּעראַציע וואָס ער האָט אָנגעפירט, צו זען די טויזנט קינדער וואָס זענען געראַטעוועט געווארן אַדאַנק זיינע באַמיאונגען. ער האָט געמאָלדן אַז ער וועט קומען צוגאַסט אין אַ באַשטימטן טאָג. ווען דער טאָג איז אָנגעקומען, זענען אַלע קינדער געווען אויסגעשטעלט אין צוויי שורות אין צענטער פון שטאָט. דער קעניג איז ערשינען מיט זיין גאַנצער פּראַכט, און איז אַדורכגעפאָרן מיט זיין קאַרעטע צווישן די צוויי שורות.

פלוצלינג האָט איין קינד, פול מיט קוראזש, זיך אַריינגעוואָרפן אין דער קייסערליכער קאַרעטע, ווייל ער האָט געוואָלט רעדן צום קעניג. די וועכטער און משרתים פון קעניג זענען גלייך צוגעלאָפן אים אַרויסצוואַרפן פון דאָרט מיט כח, אָבער דער קעניג, וואָס האָט אַלעס מיטגעהאַלטן, האָט געוואָלט הערן וואָס דאָס קינד האָט צו זאָגן, און ער האָט באַפוילן די משרתים נישט צו טשעפּען דאָס קינד, ווייל ער וויל הערן וואָס ער האָט צו זאָגן.

**דער** ווילנער גאון זצ"ל שרייבט ('אדרת אליהו', פ' כי תשא, פל"ג, ז) אויפ'ן פסוק (דברים ט, כה) 'ואתנפל לפני ה' כבראשונה ארבעים יום', אַז דאָס גייט אַרויף אויף די 40 טעג פון ראש חודש אלול ביז יום כיפור. אין די דאָזיגע פערציג טעג, האָט משה רבינו ע"ה גאָרנישט געטוהן נאָר ער האָט מתפלל געווען צו דעם אויבערשטען פאַר די אידן, און דעריבער זענען די דאָזיגע פערציג טעג באַשטימט געוואָרן אַלס טעג פון תפילה און תחנונים[יא], און אין יום כיפור איז דער אויבערשטער געוואָרן באַוויליגט צו זיי.

**דער** 'שער המלך' (שער א, פ"ה) זאָגט, לויט ווי חז"ל זאָגן (ברכות ס.) אַז אין די ערשטע פערציג טעג ווען דאָס קינד ווערט באַשאַפן, קענען זיין טאַטע און מאַמע בעטן ער זאָל זיין אַ זכר, ווייל דעמאָלס קען מען נאָך איבערדרייען מיט תפילות, דאָס קינד פון אַ נקבה צו אַ זכר. ענליך צו דעם זענען די פערציג טעג פון אָנהייב חודש אלול ביז נאָך יום כיפור, ווייל זיי זענען די טעג פון 'יצירת הולד', פונעם קומענדיגן יאָר הבעל"ט, און דער מענטש קען דעמאָלס בעטן רחמים ותחנונים פון באַשעפער ברוך הוא אַז עס זאָל איבערגעדרייט ווערן כביכול פון 'נוקבא' - אַ בחינה פון דין, צו 'דוכרא' - וואָס איז די השפעה פון רחמים[יב].

**אין** די טעג פון חודש אלול, ווען מ'מאַכט די הכנה צום גרויסן יום הדין, ווען 'ותחתוך קצבה לכל

---

דאָס קינד האָט זיך גענומען אויסלויבן דעם קעניג פאַר זיין גוטסקייט, וואָס ער האָט מסכים געווען צו ראַטעווען אַזוי פיל אידישע נפשות, אָבער, האָט דאָס קינד צוגעלייגט: 'מיין האַרץ טוט מיר וויי, ווייל דעם קעניג'ס חסד איז נאָך נישט בשלימות, און מיין נשמה האָט נישט קיין רוה, כל זמן איך זאָרג זיך טאָג און נאַכט איבער דעם וואָס עס האָט מעגליך פאַסירט מיט מיינע עלטערן און משפחה, היות איך ווייס נישט וואָס ס'איז געוואָרן מיט זיי'.

האָט דער קעניג געפרעגט דאָס קינד וואו עס וואוינען זיינע עלטערן, און דאָס קינד האָט אים געזאָגט. ביז צוויי וואָכן, האָט דער בריטישער קעניג אַרויסגענומען און געראַטעוועט דעם טאַטן, די מאַמע, און די גאַנצע משפחה פונעם קינד, פונעם גיא צלמות!

הג"ר טוביה ווייס זצ"ל האָט צוגעלייגט אַ מורא'דיגע נקודה צו די מעשה: לאָמיר זיך נאָר פאָרשטעלן ווי אַזוי די גאַנצע 'מעשה' וואָלט אויסגעזען ווען דער קעניג וואָלט נישט געקומען אינמיטן שטאָט צו זען די קינדער, נאָר ער וואָלט פאַרבליבן אין זיין פּאַלאַץ. צי וואָלט דען דאָס יונגל געקענט צוגיין צום קעניג, שוין אָפּגערעדט פון רעדן צו אים? פונדערווייטנס וואָלטן די וועכטער פונעם קעניג שוין געשטאַנען גרייט אָפּצוהאַלטן יעדן איינעם וואָס איז נישט ספּעציעל גערופן געוואָרן צום קעניג. אויב אַזוי, ווי אַזוי האָט דאָס יונגל טאַקע געקענט קומען פאַר'ן קעניג און זיך אויסבעטן ביי אים? דאָס איז נאָר געווען דערפאַר **ווייל דער קעניג איז דעמאָלס געווען 'אין פעלד', און ער האָט געפילט אַ נאָנטקייט און אַ ליבשאַפט צו זיי.**

דאָס זעלבע איז מיט אונז, אידישע קינדער. ווען **דער מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא געפינט זיך מיט אונז, אין חודש אלול איז ער כביכול נאָנט צו אונז, יעצט קען אַפילו דער קלענסטער מענטש צוגיין צו אים און אויס'פּועל'ן זאַכן וואָס זענען למעלה מדרך הטבע.**

מ'קען אָבער אויך לערנען פון דער מעשה, דעם כח און שטאַרקייט פון דעם דערמאנטן יונגל: 999 אַנדערע קינדער וואָס זענען דאָרט געשטאַנען, האָבן נישט געטוהן דאָס וואָס ער האָט געטוהן. זיי האָבן נישט געוואַגט צו בעטן דעם קעניג צו ראַטעווען זייערע פאַמיליעס, נאָר דאָס איינע יונגל האָט האָט נישט פאַרפאַסט די גינסטיגע געלעגנהייט, און זע נאָר וואָס ער האָט דערמיט באַוויזן. דאָס זעלבע איז מיט אונז, אויב מיר ווען האָבן שכל אַזוי ווי יענער יונגל, **יעצט, אין חודש אלול, ווען אַזוי נאָנט צום קעניג - 'בהיותו קרוב' - און מיר וועלן נישט אַדורכלאָזן די גאָלדענע געלעגנהייט**, וועלן מיר קענען אויס'פּועל'ן אַ גוט געבענטשט יאָר.

**יא.** פון דעם קען מען אַרויסלערנען איבער דעם מהות פון אונזערע תפילות אין די יעצטיגע טעג, אַז עס דאַרף זיין אין אַ בחינה פון 'ואתנפל', ווי איינער וואָס ווייסט אַז נאָר דער קעניג אַליין קען אים ראַטעווען, און ער וואַרפט זיך צו זיינע פיס מיט האַרציגע תפילות ותחנונים.

**יב.** דער דובנער מגיד זצ"ל ערקלערט דעם ענין פון די הכנות אין חודש אלול צו ראש השנה, מיט אַ משל, כדרכו: אַ סוחר האָט איבערגערעכנט אַלע זיינע הוצאות און הכנסות, און צו זיין ווייטאָג זעט ער אַז זיינע אויסגאַבן זענען פיל גרעסער פון זיינע פאַרדינסטן. עס איז אים קלאָר געוואָרן אַז ער האַלט ביים באַנקראָטירן

צוליב די גרויסע חובות וואָס האָבן זיך אָנגעזאַמלט אין זיינע געשעפטן. אין זיין גרויס נויט, האָט ער באַשלאָסן צו גיין צום שטאָטישן גביר בעטן אַ גרויסע הלוואה פון עטליכע טויזנט רובל, מיט באַקוועמע באַדינגונגען צוריקצוצאָלן, כדי ער זאָל קענען האַלטן זיין געשעפט ביים לעבן. ער איז אַריבער צום הויז פונעם גביר, אָבער ווען ער איז אָנגעקומען אַהין, האָט אים אַ באַדינער פונעם גביר אָפּגעשטעלט ביים טיר, זאָגנדיג אַז דער גביר איז יעצט זייער פאַרנומען און מען קען אים נישט שטערן, און ער האָט אים געראַטן צוריקצוקומען עטליכע שעה שפּעטער. איז דער איד אַרומגעגאַנגען באַזאָרגט און נערוועז, זיך דרייענדיג אינעם גאָרטן פונעם רייכן גביר'ס הויף. עטליכע שעה שפּעטער האָט ער נאָך אַמאָל אָנגעקלאַפּט אויפ'ן טיר, אָבער דער משרת האָט אים אויך דאָס מאָל אַוועקגעשיקט. איז דער איד נאָך אַמאָל געגאַנגען שפּאַצירן איבער'ן הויף אהין און צוריק, נישט קענענדיג געפינען קיין מנוחה.

ווען דער גביר איז ענדליך אַרויסגעקומען פון הויז כדי צו גיין דאַווענען מנחה, איז דער סוחר צוגעגאַנגען צו אים און געבעטן אַ הלוואה, צוגעבנדיג דערביי אַז ער וועט אים צושטעלן פאַרלעסליכע 'ערבים', וואָס זאָלן אים האַפטן די הלוואה. דער עושר האָט אים גלייך נאָכגעגעבן, און אים געבאָרגט דאָס געלט. ווען דער גביר איז אָנגעקומען אין שול, איז צוגעקומען צו אים אַ צווייטער איד, און אויך געבעטן אַ הלוואה, זאָגנדיג, 'איך האָב אייך פּונקט יעצט געזוכט... אפשר קענט איר מיר באָרגן געלט?' האָט דער עושר אים געענטפערט, אַז ער קען יעצט נישט געבן קיין הלוואות. האָט דער איד געפרעגט: 'וואָס איז דער חילוק צווישן מיר און יענעם איד, וועמען איר האָט יאָ געבאָרגט דאָס געלט וואָס ער האָט געבעטן אַלס אַ הלוואה?' האָט דער גביר געענטפערט: 'וואָס פאַרגלייכט איר זיך צו יענעם? יענער איד, האָט נעבעך געוואַרט אויף מיר לאַנגע שעה'ן, איך האב געזען ווי ער דרייט זיך אַרום איבער'ן הויף אינגאַנצן אַ פאַרלוירענער, מיט אַ צובראָכן און דערשראָקן האַרץ. איך האב געזען אַז זיין לעבן איז אים ממש ביטער, און ער דאַרף דרינגענד די הלוואה, כדי זיך צו קענען צוריקשטעלן אויף זיינע פיס. דו, אָבער, ביסט דאָך נישט געקומען צו מיר, און דו האָסט מיך נישט אָפּגעוואַרט. איך האָב דיך באַגעגנט 'פּערצופּאַל', און שוין בעטסטו מיר אַ הלוואה'...

הרה"ק מ'סאטמאר זי"ע האָט אַמאָל געזאָגט, ס'איז באַקאַנט אַז דער באַראָן ראָטשילד איז געווען אַ גרויסער בעל צדקה וואָס האָט געטיילט שווערע געלטער פאַר טויזנטער אידן. נאַטירלעך, פלעגן מענטשן שטראָמען אין די מאַסן צו זיין הויז, און מ'איז געשטאַנען לאַנגע שעה'ן אין דער רייע, אין פאָדער-צימער פון זיין פּאַלאַץ, ביז זיי האָבן געקענט אַריינקומען צו אים אין צימער. אַריינקומענדיג אין צימער פונעם באַראָן, פלעגט יעדער איינער פון די נצרכים דערציילן זיין גאַנצע לאַנגע 'מעשה' - איינער האָט געהאַט אַ קראַנק קינד ל"ע אין שטוב, אַ צווייטער האָט חתונה געמאכט דרייצן קינדער, אַ דריטער האָט נישט געהאַט אַ דאך איבערן קאָפּ פאַר זיך און זיין משפחה, און אַ פערטער איז געווען באלעסטיגט מיט אַנדערע שווערע זאָרגן. די אַלע מעשיות פלעגן זיך שלעפּן אָן אַ עק און אַ סוף, ביז דער באַראָן האָט געמאָלדן: פון היינט און ווייטער, זאָל יעדער אָנהייבן זאָגן זיין בקשה ווען ער שטייט נאָך אינדרויסן אין דער רייע. ווען ער וועט אַריינקומען צו מיר אין צימער, זאָל ער מיר נאָר זאָגן די 'אונטערשטע שורה' פון זיין 'דרשה': וויפיל געלט ער דאַרף האָבן.

דאָס זעלבע קען מען זאָגן ווען דעם מענטש וואָס גרייט זיך גאַנץ חודש אלול צום יום הדין, ער האָרעוועט אין תשובה און תפילה אויסצובעטן פאַר זיך אַ גוט יאָר. ממילא, ווען עס קומט ראש השנה, ווערט ער באַגעגנט מיט דעם אויבערשטען'ס רחמנות, און ס'איז נישט מער ווי יושר אַז דער אויבערשטער זאָל זיך טאַקע דערבאַרימען אויף אים. אָבער איינער וואָס טוט אַדורכלאָזן דעם גאַנצן חודש אָן אַ הכנה, ער דערמאנט זיך ראש השנה צו בעטן רחמים, ווייל ער טרעפט זיך יעצט מיט'ן קעניג, מיט וואָס פאַר אַ פּנים קען אַזאַ איינער עפענען דאָס מויל פאַר דעם גרויסן באַשעפער?

דאָס דאַרף דינען אַלס אַ לימוד פאַר יעדן איינעם פון אונז. עס פּאַסט נישט אַריינצוקומען אין 'אינווייניגסטן צימער', כביכול, ערשט אין דעם טאָג פון ראש השנה, און דעמאָלס אָנהייבן פאָרלייגן די גאַנצע 'דרשה'. **מ'דאַרף שוין אָנהייבן די הכנות פריער, אינעם חודש הרחמים והסליחות, כדי מ'זאָל קענען אַריינקומען צום קעניג ווי ס'דארף צו זיין. מ'דאַרף שוין מתפלל זיין חודש אלול אויף אַלעם וואָס מ'דאַרף האָבן, און דאַן קען מען קומען ראש השנה צום באַשעפער ברוך הוא מיט'ן 'סך הכל', מיט די 'אונטערשטע שורה', וואָס מ'דאַרף האָבן, און אַזוי קען מען זוכה זיין צו אַלע טובות און ברכות.**

בריותיך', דאַרף יעדער בר דעת פאַרשטיין אַז אנשטאַט די שווערע אַרבעט און האָרעוואַניע צו ברענגען פרנסה אַ גאַנץ יאָר, וואָס ווי געזאָגט, העלפט עס סיי-ווי נישט צו פאַרדינען מער ווי ס'איז באַשערט פאַר דעם מענטש פון הימל צו פאַרדינען, איז בעסער צו 'שוויצן' און זיך באַמיען אין דעם חודש אלול, מיט'ן ספר תהלים[יג], און

---

**יג.** דער גאון רבי שמואל הלוי וואָזנער זצ"ל, גאב"ד זכרון מאיר און בעל 'שבט הלוי', פלעגט אין זיינע שמועסן אין חודש אלול, פאַר די תלמידים פון זיין ישיבה 'חכמי לובלין' אין בני ברק, דערציילן די פאָלגענדע מעשה: אַמאָל אין חודש אלול איז דער הייליגער צאַנזער רב זי"ע, בעל 'דברי חיים', זצ"ל, אריינגעקומען אין בית המדרש און געזען ווי דער עולם זיצט און לערנט פלייסיג. האָט דער צאַנזער רב זיך אָנגערופן, דאָס איז אייער עבודה אין חודש אלול? **חודש אלול, דאַרף מען זיך פאַרנעמען מיט זאָגן תהלים...** האָט דער עולם באַלד פאַרמאַכט די גמרות און זיך גענומען זאָגן תהילים. אַ צייט שפּעטער, ווען דער צאַנזער רב זי"ע איז אַריינגעקומען אין שול און געזען ווי דער עולם זאָגט תהלים, האָט ער זיך אָנגערופן: **אַזוי פירט מען זיך אין חודש אלול? 'תורה מה תהא עליה'... זעצט זיך לערנען, וועט איר זוכה זיין אינעם דין!**

לכאורה קען מען זאָגן אַ כוונה אין די מעשה, אַז דער צאַנזער רב האָט געוואָלט זאָגן פאַר דעם עולם, אַז אין חודש אלול, דאַרף מען טוהן **אַלעס מעגליכעס, סיי לערנען, און סיי זאָגן תהלים**. 'מזה ומזה אל תנח ידך'.

מ'קען אָבער זאָגן נאָך טיפער, אַז דער צאַנזער רב האָט געוואָלט אַז דער עולם זאָל זיין פאַרנומען אין דעם חודש סיי מיט תורה, און סיי מיט תפילה. נאָר וואָס דען, ער האָט אויך געוואָלט אַז דער עולם זאָל נישט האָבן דעם געפיל 'שלום עלי נפשי', איך האָב געטוהן אַלעס וואָס מ'האָט פאַרלאַנגט פון מיר אין חודש אלול... נאָר זיי זאָלן **אייביג טראַכטן, ס'איז דאָך מעגליך אַז איך האָב נישט געטוהן גענוג וואָס אַ איד דאַרף טוהן אין דעם געהויבענעם חודש אלול.**

אידן אין אַלע דורות האָבן זיך טאַקע געפירט אין חודש אלול, צו זאָגן אַסאַך תהלים, וואָס איז גאָר שטאַרק מסוגל אין די יעצטיגע טעג.

הרה"ק רבי שלום בער זי"ע פון ליובאַוויטש האָט געזאָגט (צו זיין משמש, ווען ער האָט אים געשיקט חודש אלול קויפן פאַר אים אַ תהלים), אַז **'דער סעזאָן פון חודש אלול, איז דער תהלים'.**

דער 'שער המלך' שרייבט (שער הראשון, פ"ב), איך האָב געזען אין אַסאַך ערטער, און אַזוי האָבן מיינע עלטערן מיר דערציילט וועגן דעם שיינעם מנהג, **פון ראש חודש אלול ביז יום כיפור, באַלד נאָכ'ן דאַווענען, צו זאָגן דעם ספר תהלים** מיט אַ קול פון געוויין און זיסקייט, דער וואָס קען, זאָל זיין דער שליח ציבור, און דער עולם זאָל מיט-זאָגן מיט אים. איך האָב אויך אייננעפירט דעם גוטן און גלייכן מנהג אין אונזער שטאָט, ווייל **דער עיקר אין דעם חודש איז צו פאַרשניידן און פאַרטרייבן די מסטינים וואָס נעמען זיך צוזאַמען קעגן אונז ח"ו.** וועגן דעם קומען מיר אין דעם חודש, 'ומאן דיוסיף מוסיף, ולא יאסף'. **דער בעסטער מיטל קעגן די מקטרגים איז דער ספר תהלים,** וואָס ווערט אָנגערופן 'מזמורים', ווייל מיט זיי קען מען פאַרשניידן (פון לשון 'זמר עריצים'), אַלע דערנער וואָס נעמען אַרום די 'שושנה העליונה'. און וויבאַלד מיר דאַרפן דווקא אין דעם חודש פאַרברענען די דערנער, איז כדאי צו 'דרש'ענען' אויף יעדן שטיקל 'תהלים' מיט כוונה און בכיה, צו זאָגן די תפילה נאָך ספר תהלים, און אַז עס זאָלן זיין אַמווייניגסטענס צען מענטשן ביים זאָגן די שלש עשרה מידות של רחמים, ביים סוף פונעם 'יהי רצון'.

דער 'שער המלך' שרייבט ווייטער, אַז אויב עס איז דאָ אַ שטאָט און אַן אָרט וואו מ'ווייסט נישט וועגן דעם גוטן מנהג, איז כדאי זיי צו לאָזן וויסן אַז זיי זאָלן **זיך נישט אָוועקרירן פונעם ספר תהלים יעדן טאָג פון חודש אלול**, און עס וועט גערעכנט ווערן פונקט ווי זיי וואָלטן געלערנט די מסכתות פון נגעים און אהלות, און דער זכות פון דוד המלך ע"ה זאָל זיי ביישטיין אַז זייער משפט זאָל אַרויסקומען צום גוטן, לחיים ולשלום.

דער גאון רבי חיים פאַלאַג'י זי"ע שרייבט, אַז **עס זענען דאָ דריי זמנים וואָס זענען מסוגל צו 'לערנען' דעם ספר תהלים: שבת קודש, יום טוב, און ראש חודש, אָבער נאָך העכער פון די דריי זמנים, איז חודש אלול.** ער גיט אָן אַ סימן דערויף, ווייל דאָס ערשטע קאַפּיטל אין תהלים פאַנגט זיך אָן מיט דעם וואָרט 'אשרי', וואָס איז ראשי תיבות **א**'לול **ש**'בת **ר**'אש חודש **י**'ום טוב, און אויף דעם זאָגן חז"ל (ברכות י.) 'כל פרשה שהייתה חביבה על דוד, פתח בה באשרי וסיים בה באשרי'. (געברענגט אין 'אבות הראש' פון זיין זון, חלק נפש יתירה, אות קפג)

דער לובלינער רב, הגאון רבי מאיר שפּיראָ זצ"ל, האָט אַמאָל אין חודש אלול געשיקט אַ בריוו צו הרה"ג ר' דוד הלוי ז"ל (דער גבאי אין ישיבת חכמי לובלין), אַז ער זאָל איבערגעבן פאַר די תלמידים פון זיין ישיבה 'חכמי לובלין',

מיט תפילות בכלל, און אַזוי וועט מען פאַרדינען שיינע און גרויסע פאַרדינסטן איבער'ן גאַנצן יאָר הבעל"ט[ד].

און דאָס איז געזאָגט געוואָרן נישט נאָר בנוגע די פרנסה, נאָר ביי יעדן ענין, קען דער מענטש פיל

---

אַז אין צוגאָב צו די צען קאַפּיטלעך תהלים וואָס מ'זאָגט יעדן טאָג פון חודש אלול, ווי עס שרייבן די פוסקים, זאָל מען צולייגן און זאָגן יעדן טאָג אין חודש אלול, אויך קאַפּיטל קי"ט, וואָס איז פול מיט בקשות אויף רוחניות, תורה און נאָנטקייט צום באַשעפער, און דאָס איז דער ציל פון חודש אלול, צו ווערן נאָנט צו דעם אויבערשטען (מיר דאַרפן זיך משתדל זיין, צו זאָגן אַמווייניגסטענס איינמאָל אַ וואָך דעם דאָזיגן קאַפּיטל).

מעניין לעניין באותו עניין, די קדמונים האָבן מתקן געווען מ'זאָל זאָגן יעדן טאָג דעם קאַפּיטל 'לדוד ה' אורי וישעי', און דער סידור האר"י - סידור רבי שבתי שרייבט (סדר כוונת ראש חודש אלול), **אַז יעדער וואָס זאָגט קאַפּיטל כ"ז פון תהלים, 'לדוד ה' אורי וישעי', פון ראש חודש אלול ביז נאָך שמחת תורה, פאַרנאַכטס און אינדערפרי, איז פאַרזיכערט אַז ער וועט אַדורכלעבן זיינע יאָרן אין גוטן, און עס וועט אים זיין גוט, און אַפילו אויב ס'איז חלילה פאַרשריבן אויפ'ן מענטש אַ שלעכטע גזירה ח"ו קען ער עס בטל מאַכן, און ער נעמט אַוועק פון זיך אַלע מקטרגים און משטנים, און ער מאַכט בטל פון זיך אַלע שווערע און שלעכטע גזירות, און ער וועט אַרויסגיין זכאי בדין, און אונטערטעניגן דערמיט אַלע מקטרגים**, ווייל פון ראש חודש אלול ווערן געעפענט די דרייצן קוואַלן פון די י"ג 'מכילין דרחמי', און זיי ווערן אַנטפּלעקט און שיינען אונטן... און דורך זאָגן דעם קאַפּיטל פועל'ט מען און מ'מאַכט בטל פון זיך דעם בית דין של מעלה און די מקטריגים, אַז זיי זאָלן נישט האָבן רשות צוצוקומען נאָנט צו אונז משפט'ן, נאָר 'מלפניך' משפטינו יצא, און דאַן וועלן מיר אַרויסגיין זכאי בדין.

אין אַסאַך קהילות פירט מען זיך אויך צו **זאָגן יעדן טאָג פון חודש אלול, קאַפּיטל קמ"ג פון תהלים**, ווייל עס שטייט דאָרט 'אל תבא במשפט את עבדך'. אויך זענען דאָ אידן וואָס **זאָגן קאַפּיטל נ"א**, וואָס איז דער 'קאַפּיטל פון תשובה' (ווי עס שרייבט דער רבינו יונה ז"ל, אין ספר 'שערי תשובה', שער הראשון, אות לג). און בכלל, זענען דאָ קהילות וואָס פירן זיך צו **זאָגן גאַנץ ספר תהלים יעדן שבת אין די טעג פון חודש אלול**, און 'נהרא נהרא ופשטיה'. דער כלל איז, אַז **מ'טאָר נישט חלילה פאַרשלאָפן די טייערע צייט**, נאָר מ'דאַרף מתפלל זיין צו דעם אויבערשטען - יעדער איינער לויט זיין מנהג.

### מן הבאר

עס דערציילט אַן אייניקל פון הגאון רבי ישראל יעקב פישער זצ"ל, ראש בית דין פון דער 'עדה החרדית' אין ירושלים, אַז ער האָט זוכה געווען צו לערנען יעדע נאַכט בחברותא מיט זיין גרויסן זיידן. איינמאָל, אין דער נאַכט פאַר תשעה באב, זענען אָנגעקומען אַסאַך אידן מיט שאלות, צי זיי זענען מחויב צו פאַסטן, אָדער זיי דאַרפן עסן צוליב זייער קראַנקהייט אָדער אַנדערע סיבות, יעדער איינער אויף זיין אופן. איז די רעביצין אַריינגעגאַנגען צום רב און אים געבעטן ער זאָל זען צו 'באַפרייען' דעם עולם אָנפרעגער. האָט דער רב געזאָגט: זאָלן זיי אַריינקומען, און אַלע זענען אַריין, איינער נאָכ'ן אַנדערן. כמעט פאַר יעדן איינעם פון זיי, האָט דער רב געענטפערט אַז ער מעג עסן (זעלבסט-פאַרשטענדליך, אַז עס האָט זיך געהאַנדלט פון חולים און עגליכעס). ווען דער עולם האָט געענדיגט מיט זייערע שאלות, האָט רבי ישראל יעקב געוואָלט פאָרזעצן דאָס לערנען, אָבער זיין אייניקל האָט זיך נישט געקענט איינהאַלטן, און זעענדיג ווי דער זיידע ענטפערט פאַר אַלע פון זיי אַז ער מעג עסן... האָט ער געפרעגט דעם זיידן: זיידע, וואָס טאָר מען נישט?... האָט רבי ישראל יעקב געענטפערט: **'בטל'ען די צייט. דאָס טאָר מען נישט'...**

**יד.** אַ חסיד וועלכער פלעגט זיך אַדורכרעדן מיט הרה"ק בעל 'שפת אמת' זי"ע, איבער זיינע געשעפטן, האָט אַמאָל אין חודש אלול, אויך געפרעגט דעם 'שפת אמת' איבער אַ געשעפט וואָס מ'האָט אים אָנגעבאָטן. האָט דער 'שפת אמת' אים געענטפערט:

- אַ גאַנץ יאָר רעד איך מיט דיר וועגן געשעפטן, אָבער **אין דעם חודש, איז די בעסטע 'השקעה', תשובה צו טוהן, ווייל דער וואָס 'אינוועסטירט' היינטיגן חודש אין תשובה, פאַרדינט גאָר גרויסע פאַרדינסטן, סיי ברוחניות, סיי בגשמיות, פאַר'ן גאַנצן קומענדיגן יאָר**, און וואויל איז פאַר דעם מענטש וואָס 'עיניו בראשו'...

מער אויספועל'ן מיט תפילות ווי געהעריג אין די טעג פון חודש אלול, און ער וועט זיך איינשפאָרן אַסאַך טירחות און יגיעות אין משך פון גאַנצן קומענדיגן יאָר הבא עלינו לטובה[טו].

**מיר** זענען מתפלל צום באַשעפער, אבינו מלכינו חנינו ועננו, יאר ה' פניו אלינו ויכתבינו ויחתמינו בספרן של צדיקים גמורים לאלתר לחיים טובים ולשלום.

---

**טו.** הגה"צ רבי חיים פרידלאַנדער זצ"ל, דער משגיח פון דער פּאָניעוועזשער ישיבה אין בני ברק, האָט אַמאָל אינמיטן יאָר אָנגעהויבן ליידן פון גאָר שטאַרקע צאָן ווייטאָג. איז ער געגאַנגען צו אַ דאָקטאָר, וועלכער האָט אַרויסגעריסן פון אים אַ צאָן, און דאַן האָט ער געזען אַז די מחלה איז נישט אין די ציין נאָר ער ליידט נעבעך פון די ביטערע מחלה רח"ל. ווען רבי חיים האָט געהערט די ביטערע נייעס, האָט ער געזאָגט:

- אַ שאָד, אויב איך וואָלט צעריסן די טויערן פון הימל פאַרגאַנגענעם **חודש אלול**, וואָלט איך זיך געקענט פאַרהיטן אויך פון דעם... ווייל **מ'קען אין די טעג פון חודש הרחמים והסליחות, בטל מאַכן און אַוועקנעמען יעדן ווייטאָג וואָס איז חלילה באַשערט איבער'ן קומענדיגן יאָר**, ה' ישמרנו.

# 'עורו ישנים משינתכם'

דער דובנער מגיד זצ"ל זאָגט אַ משל, איינער האָט געהאַט אַ געשעפט וואו ער האָט פאַרקויפט סחורה, און ער האָט יעדן טאָג פאַרדינט דערפון אַסאַך געלט. יעדן טאָג, נאָכ'ן פאַרמאַכן זיין געשעפט, פלעגט ער שיקן אַ יונגל מיט'ן געלט וואָס ער האָט פאַרדינט, עס אַריינצולייגן אין באַנק. אַ געוויסער גנב אין שטאָט האָט באַמערקט ווי דאָס יונגל גייט יעדן טאָג אויף דער גאַס, אין דער באַשטימטער צייט, מיט אַ גרויס זעקל פול מיט געלט, און ער האָט 'געלייגט אַ אויג' דערויף, אַרויסצובאַקומען דאָס געלט פון דעם יונגל. ער האָט עס אָבער נישט געקענט אַוועקכאַפּט פון דעם יונגל, ווייל ווען דאָס יונגל איז געגאַנגען מיט'ן געלט אין באַנק, איז די גאַס אייביג געווען פול מיט מענטשן, און ווי אַזוי קען ער אים באַרויבן ווען עס דרייען זיך אַזוי פיל מענטשן אויף דער גאַס. אַ גנב איז זיך אָבער נישט מייאש, און ער האָט אַזוי לאַנג געטראַכט פון אַ פּלאַן, ביז ער האָט אויסגערעכנט אַ וועג ווי אַזוי דאָס געלט זאָל אַריינפאַלן אין זיינע הענט.

געטראַכט און געטוהן. אויף דער זעלבער גאַס וואו עס האָט זיך געפונען דאָס דערמאנטע געשעפט, האָט זיך געפונען אַ שניידער, וועלכער פלעגט אויפנייען טייערע קליידער פאַר חשוב'ע און רייכע מענטשן. אין אַ טאָג, איז דער גנב אַריינגעגאַנגען צום שניידער, און אים געזאָגט, איך בין אַ שליח פון יענעם און יענעם רייכן איד. ער האָט מיך געשיקט באַשטעלן פאַר אים אַן אנצוג וואָס זאָל זיין פּראַכטיג, ווי עס פּאַסט פאַר אַ רייכן מאַן ווי ער. האָט דער שניידער אים געזאָגט, גוט און פיין, דאָ איז טאַקע דאָס אָרט דערפאַר, אָבער דער עושר מוז אַליין קומען אַהער צו מיר, כדי איך זאָל קענען אָפּמעסטן אויף אים די מאָס פון דעם אנצוג וואָס ער וויל באַשטעלן. האָט דער 'שליח' אים געזאָגט: ניין, מיין בעה"ב איז אַ פאַרנומענער מענטש, ער האָט נישט קיין צייט צו קומען אַהער. ער האָט מיך אַלזאָ געבעטן, אַז כ'זאָל אויפזוכן אויף דער גאַס איינעם וואָס האָט די זעלבע מאָס ווי ער, און אויף יענעם זאָל מען אָפּמעסטן דעם אנצוג, און אַזוי זענען ביידע - דער כלומר'שטער 'שליח' און דער שניידער - אַרויס אויפ'ן גאַס, צו זען אויב עס גייט אַדורך עמיצער וואָס האָט די זעלבע מאָס ווי דער עושר...

ווען דאָס יונגל איז אַריבערגעגאַנגען דאָרט מיט'ן זעקל געלט אין האַנט, גייענדיג אין דער ריכטונג פון דער באַנק, האָט דער גנב געזאָגט צום שניידער: אָט דאָס יונגל, זיין מאָס איז צוגעפּאַסט צו דער מאָס פון מיין בעה"ב... האָט דער שניידער צוגערופן דאָס יונגל און אים געזאָגט, איך בעט דיך, טוה מיט מיר אַ חסד און קום אַריין אָפּמעסטן אַן אנצוג, ווייל איך דאַרף אָפּמעסטן אַזאַ מאָס ווי דיינעם, אויף אַ מענטש וואָס האָט נישט געקענט אַהער קומען. דאָס יונגל האָט מסכים

געוועז. ער איז אַריין אין געשעפט פונעם שניידער, און אויסגעטוהן זיין אנצוג, און אַפילו אַראָפּגעלייגט אויפ'ן טיש דאָס זעקל מיט'ן געלט, כדי אָנצומעסטן אויף זיך דעם נייעם אנצוג. אין יענער סעקונדע, האָט דער גנב געכאַפּט דאָס זעקל געלט און אַרויסגעלאָפן דערמיט פונעם שניידער'ס געשעפט. דאָס יונגל האָט אים געוואָלט נאָכלויפן און כאַפּן, אָבער דער שניידער האָט אים אָנגעכאַפּט מיט ביידע הענט שרייענדיג, דו גייסט נישט אַרויס פון דאָ מיט מיין אנצוג אויף דיר... אַזוי איז עס געלונגען פאַר דעם גנב אַרויסצובאַקומען פונעם יונגל דאָס גאַנצע זעקל מיט'ן געלט.

זאָגט דער דובנער מגיד זצ"ל, דער נמשל איז, אַזוי זענען מיר אויס. אין חודש אלול, האָבן מיר אין האַנט אַ 'זעקל מיט געלט', וואָס איז ווערט דאָך פיל מער ווי מיר שטעלן זיך פאָר, און מיר זענען בכח צו פועל'ן פאַר זיך אַ כתיבה וחתימה טובה פאַר'ן קומענדיגן יאָר הבעל"ט, זיך צו דערנענטערן צום באַשעפער און שטייגן ברוחניות ובגשמיות, אָבער דער יצר הרע, דער 'גרויסער גנב', קומט און טוט אונז אָן מיט 'זיינע קליידער', ה' ירחם, נישט נאָר אויף אונזער קערפּער, נאָר בעיקר אויף אונזער מח און האַרץ, יעדער איינער לויט זיין 'מאָס' און זיינע נאַרישקייטן, און אַזוי מאַכט ער אונז פאַרגעסן און אַז מיר זאָלן אַרויסלאָזן פון האַנט דעם טייערן אוצר, אַזוי אַז ביז מ'וועט עפענען די אויגן צו זען די 'גניבה', וועט ער שרייען צו אונז, אַז דו קענסט נישט אַנטלויפן, ווייל דו גייסט אָנגעטוהן אין מיין 'אנצוג'...

דאָס איז דאָך קלאָר, אַז אויב מ'וואָלט פריער אַריינגערוימט אין אויער פאַר דעם יונגל, ער זאָל זיך היטן פון יענעם גנב, ווייל זיין גאַנצער ציל איז נאָר צוצונעמען פון דיר דאָס געלט וואָס דו פירסט אין באַנק, וואָלט דאָס יונגל זיכער אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם אנצוג און אָפּהיטן דאָס בינטל מיט'ן געלט ווי אַן אויג אין קאָפּ.

לדידן ייאמר, דער קול פונעם שופר וואָס מיר בלאָזן אין חודש אלול, קומט דאָך אונז מעורר צו זיין און צו שרייען צו אונז מיט אַ הויך קול, 'עורו ישנים משינתכם', שטייט-אויף פון שלאָף, און היט זיך אָפּ פונעם יצר הרע און זיינע תחבולות, וואָס ער וויל צו'גנב'ענען פו דיר דעם גאַנצן געהויבענעם חודש, און **דאָס גאַנצע יאָר הבאה עלינו לטובה, וואָס ווענדעט זיך אין דעם חודש. וואַרף אַראָפּ פון זיך אַלע טירדות, און שטאַרקט זיך אין עבודת השי"ת!**